# דער מאָרגן פֿון ייִדישקייט: די קינדער רעדן

## ז. סטיוונסאָן

איך לערן אַ קורס וועגן מזרח-אייראָפּעיִשער ייִדישער קולטור בײַ פּרוזדור, אַ היברו-סקול בײַם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו-יאָרק. כּדי פֿאַרצושטעלן די תּלמידים די היסטאָרישע וויכטיקייט פֿון דער השׂכּלה, האָב איך די תּלמידים (וואָס זײַנען מערסטמס אין זיבעטן, אַכטן, און נײַנטן קלאַס) געהייסן שרײַבן זייערע טאַטע-מאַמעס כּלומרשטיקע בריוו, מיט זייערע טענות קעגן זייער ייִדישן שטייגער לעבן, און מיט זייערע פּירלייגן פֿאַר אַ מער פּאַסיקן דרך ייִדישקייט. איך ברענג דאָ אַן אויסקלײַב פֿון זייערע ווערטער – מע האָט פֿאַרשטייט זיך געביטן די נעמען פֿון די תּלמידים.

---

לאַוראַ ק.

טײַערע טאַטע-מאַמע, איך מיין אַז איך זאָל ניט דאַרפֿן דאַוונען אויף לשון-קדוש. די אַלע ייִדישע כּתבֿ-ידן זײַנען אויף לשון-קדוש, נאָר דאָס מיינט ניט אַז יעדער ייִד דאַרף טאַקע לערנען און דאַוונען אויף דער שפּראַך. איך מיין אָנשטאָט דעם אַז מיר זאָלן דאַוונען אויף ענגליש, אונדזער מוטערשפּראַך. דערפֿאַר וואָלט מען מער פֿאַרשטאַנען און די תּפֿילות וואָלט געהאַט מער באַטײַט.

---

שׂרה ג.

ענדערונגען וואָס איך וואָלט געוואָלט

– באַהאַנדלען פּרויען ווי מענטשן אין אַ ווײַבערשן גוף.

– ווייניקער חומש און מער גײַסטלעכקייט. מענטשן לייגן מער אַכט אויפֿן סדר-התּפֿילה און אויפֿן נוסח ווי אויף זייער אייגענער באַציונג מיט גאָט.

– ווייניקער שטילע תּפֿילות.

– ניט מורא האָבן פֿאַר דבֿקות אין שול. טאַנצן, א״א.

– ווייניקער האָרכעוודיקייט דעם רבֿ און חזן. יעדער וואָס פֿילט אַ שטויס זאָל אָנפֿירן מיט די תּפֿילות.

– דאַוונען אויף דער נאַטור, ניט אין קיין בנין.

– שמועסן, ניט דרשות.

– פּטור ווערן פֿון "אויסגעקליבן פֿאָלק / אַתּה בחרתּנו"-נאַרישקייט.

---

דזשעניפֿער ר.

איך מיין אַז העברעיִש זאָל ווידער ווערן אַ הייליקע שפּראַך נאָר צום ניצן בײַם לערנען און דאַרווענען אין שול ווי ס׳פֿלעג זײַן. ייִדיש דאַרף זײַן די ריידשפּראַך פֿון די ייִדן, ווײַל ס׳איז אַן אומכּבֿוד ג-ט מיר זאָלן ניצן העברעיִש ווי אַ

נאָרמאַלע שפּראַך.

---

ביל מ.

איך וויל ניט אויפֿשטיין אַזוי פֿרי צום דאַוונען. איך וויל אויך ניט דאַוונען דרײַ מאָל אַ טאָג און יעדן שבת.

---

מישעל וו.

ס׳איז שוין יאָרן ווי איך בין ניט מסכּים מיט דעם, ווי אַזוי מיר פֿירן אונדזער ייִדישקייט. איך בין ניט מסכּים מיטן טראָגן יאַרמלקעס אָדער גיין אין אַן אָרטאָדאָקסישער שול יעדן שבת.

איר טראָגט אַ יאַרמלקע כּדי אַרויסצוּווײַזן אײַער יראַת-שמים, אָבער איז דאָס טאַקע נייטיק? ס׳איז טאַקע אַזוי וויכטיק בײַ גאָט דאָס וואָס מע טראָגט, ווי דאָס וואָס ליגט בײַ זיך אין האַרצן? איך האַלט אויך ניט אין גאַנצן פֿון גיין אין שול. דאָס דאַוונען לאַנגע שעהען אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך וואַרפֿט אָן אויף מיר אַ שרעק לגבי גיין אין שול. ... אויב מע דאַוונט ניט אויף אַן אויסגעשפּאַנטן אופֿן און מע גיט זיך ניט אָפּ מיטן גאַנצן האַרצן, הייסט דאָס טאַקע גוט געדאַוונט? איך וויל בלײַבן אַ ייִד, און כ׳וועל תּמיד זײַן אַ ייִד, נאָר אויף אַן אַנדער אופֿן.

אײַער טאָכטער